מה שאמר זה עלי. נותן ערך עשיר: ס"ג היה עני והעשיר או עשיר והעני משלם ערך עשיר. היה עני והעשיר קודם שהיה משלם ערך עשיר. אשר השיג יד הנודר. אמר רחמנא. והכי ידו משגת. עשיר ועכשיו כמי השיג יד הנודר קרינא ביה. והכי היתה משגת בשעת הנדר: ר' יהודה אומר אפילו עני והעשיר וחזר והעני נותן ערך עשיר. דכ' (ויקרא כ) ואם מך הוא מערכך עד שיהא במכותו מתחלה ועד סופו. ואין הלכה כר' יהודה: ג אפילו אביו מת. בשעה שנתחייב זה בקרבן היה אביו גוסס ונטה למות ומת וירש ממנו רבוא קודם שהביא קרבנו. אינו מביא אלא קרבן עני. כמו שהיה בשעה שנתחייב בקרבן: ספינתו בים. לא שהיתה ספינתו טעונה סחורות שלו בריבואות דא"כ עשיר הוא אלא שהיתה ספינתו מושכרת לאחרים בריבואות שכל והוא אין בידו. אלא אותה הספינה. ומשום שכרה לאו עשיר הוא דאין שכירות משתלמת אלא בסופה ונמצא שעכשיו עני הוא ומפו' הספינה עצמה לאו עשיר הוא דהאי תנא סבר כמ"ד לקמן שאם היה המעריך חמר נותן לו כהן חמורו ואינו נוטלו להקדש ולא היה אלא מניח לו למד בקרו דהיא פרנסתו וה"נ מניח לו ספינתו: ד ילד. מבן כ' ועד בן ס' דהוי ערכו נ' שקלים: נותן כזמן

---

דער רייכער מענטש האט גיזאגט. וועל איך געבן פון זיינעט וועגן (נותן ערך עשיר) מוז דער ארעם מאן געבן דעם שאצונג פון דעם רייכן. ווייל ער האט איבער גינומען דעם רייכונגס הוב. אזוי וויא ביא אמצורע (היה עני והעשיר) אויב אייגער האט גיטאהן אנדר ער זאל געבן זיין שאצונג. אונ ווען ער האט גיטאהן דעם נדר איז ער גיוועזן ארעם אונ איידער ער האט בצאהלט איז ער רייך גיווארין (או עשיר והעני) אדער ווען ער האט גיטאהן דעם נדר איז ער רייך גיוועזן. אונ איידער ער האט בצאהלט איז ער ארעם גיווארין (נותן ערך עשיר) מוז ער געבן דיא שאצונג פון א רייכן. רבי יהודה זאגט (אפילו עני והעשיר וחזר והעני נותן ערך עשיר) אפילו ווען ער האט גיטאהן דעם נדר איז ער גיוועזן ארעם. דער נאך איז ער רייך גיווארין. דער נאך איז ער צוריק ארעם גיווארין. אז ער קומט בצאהלין דעם נדר. מוז ער געבן דיא שאצונג פון א רייכן: ג (אבל בקרבנות אינו כן) אבער ביא קרבנות איז ניט אזוי (אפילו אביו מת והניח לו רבוא) אויב אייגער איז גיוועזן א ארעם מאן אונ איז שולדיג גיווארין צוא ברייגגען א קרבן. אונ דער פאטער איז שוין אפילו גיוועזן א גוסס. אונ דער פאטער איז גישטארבן. אונ ער האט אים גילאזין צעהן טויזענד רובל. איידער ער האט גיבראכט דעם קרבן. פון דעסטוועגן דארף ער נאר ברייגגען א קרבן פון א ארעם מאן. אזוי וויא ער איז גיוועזן ווען ער איז שולדיג גיווארין צוא ברייגגען דעם קרבן (ספינתו בים ובאה בריבואות) אונ אפילו ער האט א שיף אויפן ים (אונ מער קיין פאר מעגין האט ער ניט) אונ דיא שיף איז פאר דונגען צוא אפרעמדין פאר צעהן טויזענד רובל. נאר דיא געלט וועט מען אים איצט ניט בצאהלין נאר שפעטער אז מען וועט קומען צו פארן מיט דיא שיף. דער ווייל הייסט ער א ארעם מאן. אונ ער דארף ברייגגען א קרבן פון א ארעם מאן (אין להקדש בהן כלום) אונ הקדש נעמט נאר ניט פון דיא שיף אונ ניט פון דיא זיין געלט: ד (שנים בנדר כיצד) מען שאצט

הערך. דכתיב (ויקרא כז) כערכך יקום אותו הכהן אלא כזמן הערך: יום שלשים כלמטה. אם אמר ערך פלוני קטן עלי והוא קטן היה באותו יום בן שלשים. הוי כלמטה. ולא אמר כלום. דאין ערך לפחות מבן חדש. דהכי כתיב (שם) ואם מבן חדש: כבן ששים שנה

את הזקן. נותן ערך זקן. וזקן שהעריך את הילד. נותן ערך ילד. וערכים בנערך. כיצד. איש שהעריך את האשה נותן ערך אשה. ואשה שהעריכה את האיש נותנת ערך איש. והערך בזמן הערך. כיצד. העריכו פחות מבן חמש ונעשה יותר על בן חמש. פחות מבן עשרים ונעשה יותר על בן עשרים. נותן כזמן הערך. יום שלשים כלמטה ממנו. שנת חמש ושנת עשרים כלמטה ממנו שנאמר (ויקרא כז) ואם מבן ששים שנה ומעלה

---

דיא יארין פון דעם וואס אויף אים איז געוועזן דער נדר. וויא אזוי מיינט מען דאס ילד (שהעריך את הזקן) אויב איינער מענטש האט גזאגט איך נעם אויף מיר איך זאל געבין דיא שאצונג פון דעם אלטען מאן (נותן ערך זקן) דארף ער געבין דיא שאצונג פון דעם אלטען מאן. זעהט מען וויא פיל יאהר דער אלטער איז אלט (וזקן שהעריך את הילד) אונ אויב אאלטער מאן האט גיזאגט איך נעם אויף מיר איך זאל געבין דיא שאצונג פון דעם יונגען מאן (נותן ערך ילד) דארף ער געבין דיא שאצונג פון דעם יונג מאן. מען זעהט וויא פיל יאהר דער יונגער מאן האט (וערכים בנערך כיצד) וויא מיינט מען מען צאהלט דעם שאצונג פון דעם וואס ווערט גישאצט (איש שהעריך את האשה) אויב א זכר האט גיזאגט איך נעם אויף מיר איך זאל געבין דיא שאצונג פון דיא אשה (נותן ערך אשה) דארף ער געבין דיא שאצונג פון דיא אשה. זעהט מען וויא פיל יאהר דיא אשה איז אלט (ואשה שהעריכה את האיש) אונ אויב אאשה האט גיזאגט איך נעם אויף מיר איך זאל געבין דיא שאצונג פון דעם זכר (נותנת ערך איש) דארף זיא געבין דיא שאצונג פון דעם זכר. זעהט מען וויא פיל יאהר דער זכר איז אלט (והערך בזמן הערך) אונ ער בצאהלט דאס שאצונג וויא עס איז געוועזן אין דיא צייט ווען ער האט גישאצט (כיצד) וויא אזוי מיינט מען (העריכו פחות מבן חמש ונעשה יותר על בן חמש) אויב ראובן האט גיזאגט איך נעם אויף מיר איך זאל געבין דיא שאצונג פון דעם קינד וואס ער איז אלט ווייניגער וויא פינף יאהר. אונ איידער ראובן האט בצאהלט דעם נדר איז דער וויל דער קינד גיווארין אלטער מער וויא פינף יאהר (פחות מבן עשרים) אדער ער האט גיזאגט איך זאל געבין דיא שאצונג פון דעם מענטשין וואס ער איז אלט ווייניגער וויא צוואנציג יאהר. אונ איידער ער האט בצאהלט דעם נדר (ונעשה יותר על בן עשרים) איז דער וויל דער מענטש גיווארין אלטער וויא צוואנציג יאהר (נותן בזמן הערך) זאל ער נאר בצאהלין וויא ער איז אלט גיוועזן ווען ער האט גישאצט. ניט וויא ער איז אלט ווען ער בצאהלט (יום שלשים כלמטה ממנו) אויב ראובן האט גיזאגט אויף אקינד וואס ער איז אלט דעם דרייסיגסטען טאג. איך זאל געבין זיין שאצונג. איז גלייך וויא דער קינד וואלט אלט גיוועזן ווייניגער וויא דרייסיג טעג. דארף מען גאר ניט געבין (שנת חמש ושנת עשרים כלמטה ממנו) דער פינפטער יאהר אונ דער צוואנציגסטער יאהר. איז גלייך וויא פאר פינף יאהר אונ וויא פאר צוואנציג יאהר (שנאמר) אזוי וויא עס שטייט אין פסוק (ואם מבן ששים שנה ומעלה אם זכר) אויב ער איז אלט מער וויא זעכציג יאהר. דער זעכציגסטער יאהר האט זיך

אם זכר הרי אנו למדים בכולם משנת ששים. מה שנת ששים כלמטה ממנה אף שנת חמש ושנת עשרים כלמטה ממנה. הן. אם עשה שנת ששים כלמטה ממנה להחמיר. נעשה שנת חמש ושנת עשרים כלמטה ממנה להקל. ת"ל שנה שנה לגזרה שוה. מה שנה האמורה בשנת ששים כלמטה ממנו. אף שנה האמורה בשנת חמש ושנת עשרים. כלמטה ממנה. בין להקל בין להחמיר. רבי אליעזר אומר עד שיהו יתרות על

ומעלה. משנעשה שלמה שנת ששים ואז הוא נדון כששים. אבל בשנת ששים נדון כילד: הן אם עשינו. בתמיה כלומר וכי כן הוא. אם עשינו שנת ששים כלמטה להחמיר דערך גדול יש לפחות מבן ששים חמשים סלע. וליותר מבן ששים. אינו אלא חמשה עשר: כלמטה ממנה להקל. דערך יותר על בן עשרים. גדול הוא מפחות מבן כ'. וכן בבן חמש. כדכתיבי קראי: ר' אליעזר אומר. לעולם שנת חמשה ושנת עשרים ושנת ששים כלמטה עד שתשלם כל השנה והוא יום אחד מהשנה שאחרת דיליף גזרה שוה למעלה מבכור. נאמר כאן מבן ששים שנה ומעלה

שוין איום גיוואזט אין גאנצין. ווערט ער גירעכונט זעכציג יאהר. אויב ער איז אזכר, איז דער שאצונג פופצעהן טאלער (הרי אנו למדים בכולם משנת ששים) לערנען מיר אפ א..ע שאצונגען פון דעם זעכציגסטען יאהר (מה שנת ששים כלמטה ממנה) אזוי ווי דער זעכציגסטער יאהר ווערט גירעכונט ווי פאר זעכציג (אף שנת חמש ושנת עשרים כלמטה ממנה) אזוי דער פינפטער יאהר און דער צוואנציגסטער יאהר. איז גלייך ווי פאר דעם פינפטין יאהר און ווי פאר דעם צוואנציגסטען יאהר. פרעגט דיא גמרא (הן) יא. עס איז ניט גלייך פינף. און צוואנציג. צו זעכציג (אם עשה שנת ששים כלמטה ממנה להחמיר) דעם זעכציגסטען יאהר האט מען גירעכונט ווי פאר זעכציג. שווערער צו מאכין. ווארום דער שאצונג פון פאר זעכציג איז מער ווי דער שאצונג פון נאך זעכציג (נעשה שנת חמש ושנת עשרים כלמטה ממנה להקל) זאלין מיר רעכענען דעם פינפטען יאהר ווי פאר דעם פינפטען. און דעם צוואנציגסטען יאהר ווי פאר דעם צוואנציגסטען. גרינגער צו מאכין. ווארום פאר דעם פינפטען צאלט מען ווייניגער ווי נאך דעם פינפטען. און פאר דעם צוואנציגסטען צאלט מען ווייניגער ווי נאך דעם צוואנציגסטען. ענפערט דיא גמרא (תלמוד לומר שנה שנה לגזרה שוה) עס שטייט אין פסוק צוויא מאהל שנה. ביא זעכציג יאהר שטייט שנה. און ביא פינף און ביא צוואנציג שטייט אויך שנה. לערנען מיר אפ פינף. און צוואנציג. פון זעכציג (מה שנה האמורה בשנת ששים כלמטה ממנו) אזוי ווי דער יאהר וואס עס שטייט ביא דעם זעכציגסטען יאהר. ווערט דאך דער זעכציגסטער יאהר גירעכונט ווי פאר זעכציג (אף שנה האמורה בשנת חמש ושנת עשרים) אזוי דער יאהר וואס עס שטייט ביא דעם פינפטען יאהר און ביא דעם צוואנציגסטען יאהר. איז דער פינפטער יאהר און דער צוואנציגסטער יאהר גירעכונט (כלמטה ממנה) אזוי ווי פאר דעם פינפטען און ויא פאר דעם צוואנציגסטען (בין להקל בין להחמיר) סייא גרינגער צו מאכין און סייא שווערער צו מאכין. רבי אליעזר זאגט (עד שיהו יתרות על השנים חודש ויום אחד) ביז אחודש מיט איין טאג נאך דעם פינפטען יאהר. און ביז אחודש מיט איין טאג נאך דעם צוואנציגסטען יאהר. און ביז אחודש מיט איין טאג נאך דעם זעכציגסטען יאהר. גיהער אלין צו פריער. פאר דעם פינפטען. און פאר דעם צוואנציגסטען. און פאר דעם זעכציגסטען:

השנים חדש ויום אחד:

פ"ה **האומר** משקלי עלי. נותן משקלו. אם כסף כסף. אם זהב זהב. מעשה באמה של ירמטיה. שאמרה משקל בתי עלי ועלתה לירושלים ושקלוה. ונתנה משקלה זהב. משקל ידי עלי. רבי יהודה אומר ממלא חבית מים. ומכניסה עד מרפיקו. ושוקל בשר

ונאמר בבכור אדם (במדבר יח) ופדויו מבן חדש ומעלה. מה להלן חדש ויום אחד שאין בכור נפדה פחות מבן חדש ויום אחד אף כאן עד שיוסיף על השנים חדש ויום אחד. והנה חמש ושנת עשרים ילפינן בג"ש. אנה בנה מהנה ה׳. כדיליף ת"ק לעיל ואין הלכה כר"א:

**האומר** משקלי עלי כו׳ אם כסף כסף. אם פירש כסף נותן משקלו כסף. ואם פירש זהב נותן משקלו זהב. והא קמ"ל דאם לא פירש אלא אמר סתם משקלי עלי כמו נפשים בכל דהו ובלבד שיהיה דבר שכמותו רגיל להיות נשקל במקום ההוא. ואפי׳ זפת. ואפי׳ בלוס. ורגילים אנשי המקום למכרם במשקל ואמר אחד מאנשי המקום ההוא משקלי עלי סתם ולא פירש. הרי זה נותן משקלו זפת. או בלוס ונפטר: ומעשה באמה של ירמטיה. מפרש בגמרא דמתני׳ חסורי מחסרא והכי קתני ואם אדם חשוב הוא אע"ג דלא פירש אמדינן לפי כבודו. ומעשה נמי באמה של ירמטיה אשה חשובה שאמרה כך שאמרה משקל בתי עלי ועלתה לירושלים ושקלוה ונתנה משקלה זהב. לפי שהיתה אמודה בעושר: משקל ידי עלי. היאך הוא שוקל ידו דאם רוצה מכביד ואם רוצה מיקל: ממלא חבית מים ומכניסה עד מרפיקו. קודו בלע"ז משום דבנדרים הלך אחר לשון בני אדם ובלשונו

---

פרק ה א (האומר משקלי עלי) אויב איינער זאגט וויא פיל פונט איך וועג. אזוי פיל פונט זאל איך געבין צום בית המקדש (נותן משקלו) זאל ער געבין זיין וואג. וויא פיל פונט ער וועגט. אזוי פיל פונט מוז ער געבין צום בית המקדש (אם כסף כסף) אויב ער האט גיזאגט וויא פיל פונט איך וועג. זאל איך געבין אזוי פיל פונט זילבער. מוז ער געבין אזוי פיל פונט זילבער (אם זהב זהב) אונ אויב ער האט גיזאגט וויא פיל פונט איך וועג. זאל איך געבין אזוי פיל פונט גאלד. מוז ער געבין אזוי פיל פונט גאלד. אונ אויב ער האט גאר ניט גיזאגט וואס ער זאל געבין. זאל ער געבין דיא וואלוועלסטע זאך. נאר אויב דיא זאך ווערט פאר קויפט אויף דיא וואג. למשל ער זאל געבין אזוי פיל פונט ציבעלע. אדער איין אנדער וואהלפעלע זאך וואס ווערט פאר קויפט אויף דיא וואג. דאס איז נאר בייא אארעם מאן. ניט ער דיא וואלוועלסטע זאך. אבער אז דער מענטש איז רייך האט ער געוויס ניט גימיינט צו געבין אזוי אזוואלוועלע זאך וויא ציבעלע איז. דארף מען אים שאצין נאך זיין רייכקייט וואס ער האט גימיינט צו געבין. אונ אזוי פיל מוז ער געבין (מעשה באמה של ירמטיה שאמרה משקל בתי עלי) עס האט גיטראפין דיא מוטער פון ירמטיה האט גיזאגט איך נעם אויף מיר איך זאל געבין צום בית המקדש אזוי פיל פונט וויא פיל פונט מיין טאכטער וועגט. אונ זיא האט ניט גיזאגט וואס זיא זאל געבין (ועלתה לירושלים ושקלוה) אונ דיא מוטער מיט דיא טאכטער זענען גיקומען אין ירושלים. אונ מען האט דיא טאכטער אפ גיוואגין (ונתנה משקלה זהב) האבין דיא רבנן גיהייסין זיא זאל געבין אזוי פיל פונט גאלד. ווייל זיא איז גיווען זייער רייך האט זיא געוויס גימיינט גאלד (משקל ידי עלי) אויב איינער האט גיזאגט וויא פיל מיין האנט וועגט. אזוי פיל וועל איך געבין צום בית המקדש. וויא אזוי וועגט מען דיא האנט. רבי יהודה זאגט (ממלא חבית מים) מען זאל אן גיסען אפולע פאס וואסער (ומכניסה עד מרפיקו) אונ ער שטעקט אריין דיא



האנט

חמור וגידין ועצמות. ונותן לתוכה עד שתתמלא. אמר רבי יוסי וכי היאך אפשר לכוין בשר כנגד בשר. ועצמות כנגד עצמות. אלא שמין את היד כמה היא ראויה לשקול: ב דמי ידי עלי. שמין אותו כמה הוא שוה ביד. וכמה הוא שוה בלא יד. זה

אמה היו קורין יד לזרוע עד המרפק וכשמכניס היד לתוך חבית מלאה מים ישפכו מן המים בחבית כפי מקום היד שהכניס בתוכה עד המרפק וחוזר ומכניס בחבית בשר וגידין ועצמות של חמור שמשקל בשר חמור כמשקל בשר אדם והיא כלותו בשר גידין ועצמות כפי מה שיש ביד שאין משקל עצמות וגידין שוה למשקל בשר: ונותן לתוכה עד שתחזור ותתמלא. כמו שהיתה. דהשתא איכא כפוח כשיעור ידו ושוקל הבשר והעצמות והגידים ההם והוא משקל ידו: היאך אפשר לכוין בשר כנגד בשר. שמא יש בבשר חמור שנותן לתוך החבית יותר גידים ועצמות ממה שיש ביד או פחות ונמצא שאין המשקל מכוון וכו'

כר' יוסי: ב וכמה הוא שוה בלא יד. מפרש בגמרא שאין שמין אותו כמה יפה כשנקטעה ידו וכמה היה שוה בשתי ידיו שלימות שמי שנקטעה ידו כשבאים לשומו כמה היה שוה תחלה אין שמין אותו אלא בזול לפי שרואים אותו מזולזל וזה שאומר דמי ידי עלי הרי לא נקטעה ידו לכך מפרש כמה הוא שוה בלא יד כגון אם מכרו רבו כולו חוץ מידו שידו אחת מוכתבת לרבו ראשון ושמין כמה הוא יפה כשרבו מוכר כולו ולא שייר ממנו לעצמו כלום וכמה שוה פחות אם שייר רבו ידו אחת שלא מכרה דהשתא הוא מזולזל וכך הוא נותן להקדש: זה חומר בנדרים מבערכים דאילו אמר בערכים ערך ידי ורגלי עלי לא אמר

---

האנט ביז צום עלינבויגן אין דיא וואסער. גיסט זיך ארויס אביסיל וואסער פון דיא פאס (ושוקל בשר חמור וגידין ועצמות) אונ ער נעמט אשטיקיל פלייש מיט אדערין אונ מיט ביינער. אזוי ווי עס איז אין אהאנט (ונותן לתוכה עד שתמלא) אונ ער לייגט ארין אין דיא וואסער. ביז דיא פאס ווערט פול אזוי וויא זיא איז גיוועזן. דערנאך נעמט מען ארויס פון וואסער דיא פלייש מיט דיא ביינער מיט דיא אדערין פון אייזיל. אונ מען וועגט זיא. וויא פיל זיא וועגין. אזוי פיל וועגט דיא האנט. ווארום פלייש פון אאייזיל וועגט אזוי וויא דיא פלייש פון אמענטש (אמר רבי יוסי) האט רבי יוסי גיזאגט (וכי היאך אפשר לכוין בשר כנגד בשר ועצמות כנגד עצמות) וויא אזוי קען מען דאס טרעפין אז דיא פלייש פון אייזיל זאל זיין ריכטיג אזוי פיל וויא דיא פלייש פון האנט. אונ דיא ביינער פון אייזיל זאל זיין ריכטיג אזוי פיל וויא דיא ביינער פון האנט. טאמער איז דא פלייש ווייניגער אונ ביינער מער. אדער פלייש מער אונ ביינער ווייניגער (אלא שמין את היד כמה היא ראויה לשקול) נאר מען שאצט דיא האנט וויא פיל זיא דארף וועגין. אזוי פיל זאל ער געבין וואס ער האט צו גיזאגט. זילבער אדער גאלד אדער אנדערע זאכין: ב (דמי ידי עלי) אויב איינער זאגט איך געב אויף מיר איך זאל געבין צום בית המקדש וויא פיל מיין האנט איז ווערט (שמין אותו כמה הוא שוה ביד וכמה הוא שוה בלא יד) מען שאצט דעם מענטש ראובן גלייך ווי ער וואלט גיוועזן אקנעכט ביי שמעון. אונ שמעון וויל אים פאר קויפין צו ציין אנדער בעל הבית צו לוי. וויא פיל וואלט לוי גיגעבין פאר אים אז ער וואלט אים אין גאנצין גיקויפט. אונ וויא פיל וואלט ער גיגעבין אז שמעון וואלט אים פאר קויפט אן דיא האנט. ער וואלט זאגין צו לוי דעם גאנצין קנעכט פאר קויף איך דיר. נאר דיא האנט זאל בלייבין מיינע. וויא פיל וואלט אים לוי גיגעבין ווייניגער. אזוי פיל זאל

חומר בנדרים מבערכין. וחומר בערכין מבנדרים. כיצד האומר ערכי עלי ומת. יתנו היורשין. דמי עלי ומת. לא יתנו היורשים. שאין דמים למתים. ערך ידי וערך רגלי עלי לא אמר כלום. ערך ראשי וערך כבדי עלי נותן ערך כלו. זה הכלל. דבר שהנשמה תלויה בו נותן ערך כלו: ג חצי ערכי עלי נותן חצי ערכו. ערך חציי עלי נותן ערך כלו. חצי דמי עלי נותן

דמי

כלום אא"כ אמר בדבר שהנשמה תלויה בו: ערכי עלי ומת יתנו היורשים. דערך דבר קצוב הוא ודוקא כשעמד בדין קודם שמת לפי שאינו חייב בערך אלא אחר שיעמוד לפני הכהן כדכתיב והעמידו לפני הכהן. אבל דמי עלי דאינו אלא מה שישומוהו בב"ד והרי לא בא לידי כך שהרי מת. אע"פ שעמד בדין. הוא מחוסר אומדנא ולא יתנו היורשים: נותן ערך כולו. דערך נפשות כתיב: זה הכלל. לאתויי שאר אברים שהנשמה תלויה בהם: ג חציי עלי. הוי כערך ראשי וערך כבדי דהוי דבר שהנשמה תלויה בו: דמי חציי עלי,

---

דאונן געבן צו הקדש (זה חומר בנדרים מבערכין) דאס איז שווערער ביא נדרים דיא ביא דיא שאצונג וואס דיא תורה האט גיזאגט. אז ער זאגט איך זאל געבן דיא שאצונג פון מיין האנט אדער פון מיין פוס. דארף ער גאר ניט געבן. ווארום דארויף האט דיא תורה ניט גישטעלט קיין שאצונג אבער אז ער זאגט איך זאל געבן וויא פיל מיין האנט אדער מיין פוס איז ווערט. דארף ער געבן אזוי וויא פריער שטייט (וחומר בערכין מבנדרים) אונ דאס שאצונג וואס עס שטייט אין דיא תורה. איז שווערער וויא אנדר איך זאל געבן וויא פיל איך בין ווערט (כיצד) וויא אזוי (האומר ערכי עלי ומת) אויב איינער האט גיזאגט איך זאל געבן מיין שאצונג וויא דיא תורה האט מיך געשאצט. אונ ער איז גישטארבן (יתנו היורשין) דיא וואס ירשנן זיין פארמעגן זאלן געבן זיין שאצונג. ווארום וויא ער האט נאר גיזאגט דעם נדר. איז ער שון שולדיג גיווארין צו בצאהלין. ווייל מען ווייס שון וויא פיל ער דארף בצאהלין אזוי וויא עס שטייט אין די תורה (דמי עלי ומת) אבער אז ער האט גיזאגט איך זאל געבן וויפיל איך בין ווערט. אונ ער איז גשטארבן (לא יתנו היורשים) די וואס ירשנן זיין פרמעגן דארפן ניט בצאהלן (שאין דמים למתים) ווארום אטויטער איז גאר ניט ווערט קען מען דאך אים איצט ניט שאצין. אונ ווען ער האט גילעבט האט מען אים אויך ניט גישאצט. ווייס מען דאך ניט וויא פיל מען זאל געבן (ערך ידי וערך רגלי עלי לא אמר כלום) אויב איינער זאגט איך זאל געבן דיא שאצונג פון מיין האנט. אדער דיא שאצונג פון מיין פוס. דארף ער גאר ניט געבן (ערך ראשי וערך כבדי עלי) אבער אז ער זאגט איך זאל געבן דיא שאצונג פון מיין קאפ. אדער דיא שאצונג פון מיין לעבער (נותן ערך כולו) דארף ער געבן דיא שאצונג פון זיין גאנצין גוף. אזוי וויא ער איז גישאצט אין דיא תורה (זה הכלל) דאס איז דער כלל פון דעם דין (דבר שהנשמה תלויה בו נותן ערך כולו) אויב ער זאגט איך זאל געבן דיא שאצונג פון דעם אבר. אונ אז מען נעמט צו דעם אבר פון גוף וועט דער מענטש ניט קענען לעבן. דארף ער געבן דיא שאצונג פון זיין גאנצין גוף: ג (חצי ערכי עלי) אויב איינער זאגט איך זאל געבן אויף מיר וויא פיל איך בין גישאצט אין די תורה. זאל איך געבן דיא העלפט (נותן חצי ערכו) זאל ער געבן דיא העלפט פון זיין שאצונג (ערך חציי עלי) אבער אז ער זאגט וויא פיל מיין האלבער גוף איז גישאצט זאל איך געבן (נותן ערך כולו) זאל ער געבן וויא

פיל

חצי דמיו. דמי חציי עלי נותן דמי כלו. זה הכלל. דבר שהנשמה תלויה בו נותן ערך כלו: ד האומר ערכו של פלוני עלי. מת הנודר והנידר. יתנו היורשין. דמיו של פלוני עלי. מת הנודר יתנו היורשין. מת הנידר לא יתנו היורשין. שאין דמים למתים: ה שור זה עולה. בית זה קרבן. מת השור ונפל הבית אינו

נותן דמי כולו. דכתיב (ויקרא כז) בערכך נפשות הקיש דמים לערך מה ערך אמר ערך חציי עלי נותן ערך כלו. אף דמים אמר דמי חציי עלי נותן דמי כולו: זה הכלל. לאתויי כל האברים שהנשמה תלויה בהם שאם אמר דמי חצי אותו האבר עלי כגון שאמר דמי חצי לבי עלי או דמי חצי כבדי עלי נותן דמי כלו: ד מת הנודר וכו'. והוא שעמד בדין קודם שמת כדפרישנא לעיל וכיפא אצטריכא ליה: דמיו של פלוני עלי מת הנידר יתנו היורשים. דמהו דתימא אע"ג דעמד בדין הואיל ומת הנידר קודם שישומו הנידר. לא אשתעבוד נכסים. קמ"ל אמדנא גלוי מלתא בעלמא הוא והואיל ונידר קיים אמדינן ליה: ה בית וכו' לבדק הבית ונפל הבית קודם שהחזיק בו גזבר: מת השור

פיל זיין גאנצער גוף איז גישאצט (חצי דמי עלי) אויב ער זאגט איך גיב אויף מיר וויא פיל איך בין ווערט זאל איך געבין דיא העלפט (נותן חצי דמיו) זאל ער געבין דיא העלפט פון וויא פיל ער איז ווערט (דמי חציי עלי) אבער אז ער זאגט וויא פיל מיין האלבער גוף איז ווערט זאל איך געבין (נותן דמי כולו) זאל ער געבין וויא פיל זיין גאנצער גוף איז ווערט (זה הכלל) דאס איז דער כלל פון דעם דין (דבר שהנשמה תלויה בו נותן ערך דמיו כולו) אויב ער זאגט איך זאל געבין דיא שאצונג אדער דיא ווערטו פון דעם אבר. אונ אז מען נעמט צו דעם אבר פון גוף. וועט דער גוף ניט קענען לעבין. דארף ער געבין דיא שאצונג אדער דיא ווערטו פון זיין גאנצין גוף (עיין ברע"ב ותי"ט): ד (האומר ערכו של פלוני עלי) אויב ראובן האט גיזאגט איך גיב אויף מיר איך זאל געבין וויא פיל שמעון איז גישאצט אין דיא תורה (מת הנודר והנידר) אונ איידער ראובן האט בצאהלט זיין נדר. איז ראובן אונ שמעון גישטארבין (יתנו היורשין) דיא וואס ירשנן דאס פארמעגין פון ראובן זאלין בצאהלין דעם נדר פון ראובן (דמיו של פלוני עלי) אבער אז ראובן האט גיזאגט וויא פיל שמעון איז ווערט זאל איך געבין (מת הנודר) אויב ראובן וואס ער האט אנדר גיטאהן איז גישטארבין. אונ שמעון לעבט (יתנו היורשין) דיא וואס ירשנן דאס פארמעגין פון ראובן זאלין בצאהלין דעם נדר פון ראובן (מת הנידר) אבער אז שמעון וואס אויף אים איז גיוועזן דער נדר. איז גישטארבין (לא יתנו היורשין) דיא וואס ירשנן דאס פאר מעגין פון ראובן דארפין ניט בצאהלין דעם נדר פון ראובן (שאין דמים למתים) ווארום א טויטער איז גאר ניט ווערט וואזוי וויא עס שטייט אין משנה ב: ה (שור זה עולה) אויב ראובן זאגט דער אקס זאל זיין א עולה (בית זה קרבן) אדער ער זאגט דיא שטוב זאל זיין א קרבן ומען זאל פאר קויפין דיא שטוב אונ מיט דיא געלט זאל מען פאריכטין דעם בית המקדש (מת השור ונפל הבית) אויב דער אקס איז גיפייגערט. אדער דיא שטוב איז איין גיפאלין (אינו חייב לשלם) דארף ער ניט בצאהלין איין אנדער אקס אונ ניט איין אנדערע שטוב (שור זה עלי עולה) אויב ער האט גיזאגט איך נעם אויף מיר דעם אקס זאל זיין א עולה (או בית זה עלי קרבן) אדער ער האט גיזאגט איך נעם אויף מיר דיא שטוב זאל זיין א קרבן (מת השור) אויב דער אקס

חייב לשלם. (דמי) שור זה עלי עולה. או (דמי) בית זה עלי קרבן. מת השור. ונפל הבית. חייב לשלם:

ח חייבי ערכים ממשכני' אותן. חייבי חטאות ואשמות אין ממשכנין אותן. חייבי עולות ושלמים ממשכנין אותן. אע"פ שאין מתכפר לו עד שירצה. שנאמר (ויקרא א) לרצונו. כופין אותו עד שיאמר רוצה אני. וכן אתה אומר בגיטי נשים. כופין אותו עד שיאמר רוצה אני:

פרק ו שום היתומים שלשים יום.

כו' חייב לשלם. ולא אמרי' אין דמים למתים אלא באדם בלבד: ח ממשכנין אותן. נכנס לביתם ונוטל בעל כרחם: חייבי חטאות ואשמות. כיון דלכפרה אתו לא משהי להו. ואין ממשכנין אותן. וחטאת נזיר הואיל ולאו לכפרה אתיא והואיל מעכבתו מלשתו' יין שכיון שנזרק הדם של אחד מן הקרבנות הותר הנזיר לשתות יין ולהטמא למתים זמנין דפשע ומשהי ליה. הלכך ממשכנין אותו על חטאתו: חייבי עולות ושלמים. אע"ג דעולה מכפרת על עשה ועל לאו הניתק לעשה. הואיל ולאו חובה היא. לא חשיב לה כפרה ולאתי לשהויי. הלכך ממשכנים אותן. ויש מחייבי עולות שאין ממשכנים אותן. כגון עולת מצורע. לפי שהיא מעכבת כפרתו. לא אתי לשהויי: כופין אותו עד שיאמר רוצה אני. היכא דב"ד ממשכנים אותו צריך שיאמר רוצה אני: וכן אתה אומר בגיטי נשים. כל מי שדינו שכופין אותו לגרש ולא רצה לגרש. ב"ד של ישראל מכין אותו עד שיאמר רוצה אני ונותן הגט. והוא כשר:

פ"ו שום היתומים. בית דין שורדים

איז גיפי גערט (ונפל הבית) אדער דיא שטוב איז איין גיפאלין (חייב לשלם) דארף ער בצאהלין פאר דעם אקס אדער פאר דיא שטוב. ווארום אז ער האט גיזאגט איך נעם אויף מיר. האט ער גימיינט אפילו דער אקס אדער דיא שטוב וועלין ניט זיין. זאל ער בצאהלין פאר זייא (ועיין תי"ט) : ו (חייבי ערכין ממשכנין אותן) אויב איינער איז שולדיג צוא בצאהלין זיין שאצונג. דער גבאי פון בית המקדש נעמט בייא אים אמשכון אונ גייט אים אז ער מוז בצאהלין (חייבי חטאות ואשמות אין ממשכנין אותן) אבער אז איינער איז שולדיג אקרבן חטאת אדער אקרבן אשם. נעמט מען ניט קיין משכון בייא אים. אונ מען גייט אים ניט צוא בצאהלין. ווארום געווים וועט ער אליין בצאהלין. ווייל ער וויל דאך האבין אכפרה אויף זיינע עבירות (חייבי עולות ושלמים) אז איינער איז שולדיג אקרבן עולה אדער שלמים (ממשכנין אותן) נעמט מען ביי אים אמשכון אונ מען גייט אים ער זאל בצאהלין. ווייל עולות אונ שלמים קומט ניט מכפר צוא זיין אויף עבירות. טאמער וועט ער ניט אזוי גישווינדט בצאהלין (אף על פי שאין מתכפר לו עד שיתרצה) אפילו אקרבן קען אנדערש ניט מכפר זיין סיידין דער מענטש גיט אים מיט זיין גוטען ווילען (שנאמר לרצונו) אזוי וויא עס שטייט אין פסוק צוא זיין ווילען זאל ער ברייגגען דעם קרבן (כופין אותו עד שיאמר רוצה אני) מען גייט אים ביז ער זאל זאגין איך וויל (וכן אתה אומר בגיטי נשים) אונ אזוי איז דער דין ביי אגט פון אאשה. אויב מען דארף איינעם גייטין ער זאל געבין גט זיין ווייב (כופין אותו עד שיאמר רוצה אני) גייט מען אים ביז ער זאגט איך וויל געבין גט. אונ ער גיט דעם גט צוא זיין ווייב. אונ דער גט איז כשר:

פרק ו א (שום היתומים שלשים יום) אויב בית דין קומען צוא יתומים אונ נעמען אפעלד פון זייא צוא פאר קויפין אחוב צוא בצאהלין. זאלין זייא אויס רופין דרייסיג טעג

ושום ההקדש ששים יום. ומכריזין בבקר ובערב. המקדיש נכסיו והיתה עליו כתובת אשה. רבי אליעזר אומר כשיגרשנה

היורדים לנכסי יתומים למכרן להגבות לבעל חוב. שמין את הקרקע ומכריזין ל׳ יום רצופים זה אחר זה כל הרוצה ליקח יבוא ויקח ואי בעו מכריזין ס׳ יום כל שני וחמישי והכי עדיף טפי. ואע״ג דכי השבת כל שני וחמישי שבששים יום. מתחלת יום שני של הכרזה ראשונה לא משכחת להו אלא תמני סרי יומי. מ״מ הכי עדיף כיון דמשכא מלתא טובא ידעי ושמעי: ושום ההקדש. המקדיש שדה מקנה. שהיא נפדית בדמים כמו שהיא שוה: בבקר ובערב. בשעת הולכת פועלים ובשעת הכנסת פועלים. דמי איכא דבעי למזבן אמר להו לפועלים בשעת יציאתן ראו לי שדה פלונית אם היא יפה. ובשעת הכנסת הפועלים כששומע ההכרזה חוזר ושואלן. וכשהן מכריזין אומרים שדה פלונית. שכך וכך סימניה. וכך וכך מצריה. כך היא עושה תבואה וכך שמאוה ב״ד. ואם מוכרים אותה לכתובת אשה. אומרים שהלוקח יקח ע״מ שיתן המעות לכתובת אשה ואם מוכרים אותה בשביל בעל חוב. אומרים ע״מ שיתן המעות לבעל חוב משום דאיכא לוקח דניחא ליה ליקח כדי לפרוע לאשה דנסבא פורתא פורתא. ואיכא דניחא ליה טפי לפרוע לב״ח. שנוטל זוזים חסרים ושבורים. שאין דרך סוחרים להקפיד בכך. אע״ג דקיימא לן דאין בית דין נזקקים לנכסי יתומים למכרן והכא תנן שום היתומים וכו׳. דמשמע שב״ד מוכרים נכסי יתומים. הא אמרינן ד[illegible] דברים בלבד ב״ד נזקקים למכור בנכסי יתומים. על בעל חוב עובד כוכבים שהיה אביהם חייב לו והיה ריבית אוכלת בהן. ועל כתובת אשה משום דאיכא רווחא ליתומים כשתגבה כתובתה. דכל זמן שלא גבתה כתובתה יש לה מזונות מן היתומים. גבתה כתובתה שוב אין לה מזונות. ועל חוב שהודה אביהן בשעת מיתתו ש״ח לפלוני הללו מנה. או שנדוהו ב״ד על חוב זה ומת בנדויו. או שלא הגיע עדיין זמן פריעת החוב כשמת דלא עביד איניש דפרע גו זמניה. וכשב״ד נזקקין לנכסי יתומים על שלשה דברים הללו. מעמידים להם אפוטרופוס ומוכרים בהכרזה כדתנן במתני׳. והני מילי בקרקעות. אבל במטלטלין. השתא דקיימא לן מטלטלי דיתמי משתעבדי לבעל חוב הרי בעל חוב נשבע וגובה חובו מן המטלטלין. ואין צריכין הכרזה. שאין מכריזים לא על העבדים ולא

דיא פעלד איז צוא פאר קויפן. וועלן זיין פיל קויפערס וועט דיא פעלד גוט פאר קויפט ווערין (ושום ההקדש ששים יום) אויב איינער האט גיהאט אנגיקויפטע פעלד. אונ ער האט גיזאגט זיא זאל זיין הייליג. דער נאך אז מען וויל זיא צוריק אויס לייזין פון הקדש. דארף מען אויס רופן זעכציג טעג. דיא פעלד איז צוא פאר קויפן. וייל עס וועלן זיין פיל קויפערס וועט מען געבין פאר איר מער געלט. אונ פאר דיא געלט וועט דער בעל הבית איר אויס לייזין. אדער אין אנדערער וועט זיא אויס לייזין (ומכריזין בבקר ובערב) אונ מען רופט אויס אלע דרייסיג טעג אין דער פריא. ווען דיא פעלד ארבעטער גייען פון שטאט אין פעלד צוא דיא ארבעט. אונ אבענד ווען דיא ארבעטער גייען צוריק פון פעלד אין שטאט ועיין בהרע״ב ו[illegible]) (המקדיש נכסיו והיתה עליו כתובת אשה) אויב איינער האט גיזאגט מיין פאר מעגין זאל זיין הייליג צוא גאט. אונ ער האט א ווייב וואס ער וועט איר אמאהל דארפין געבין דיא כתובה. רבי אליעזר זאגט (כשיגרשנה ידור הנאה) אז ער וועט וועלין איר געבין גט. וועט ער מוזין טאהן א נדר ער זאל איר ניט צוריק נעמען פאר א ווייב. וועט זיא אפ נעמען פון הקדש וויא פיל איר כתובה איז ווארום אז ער וועט ניט טאהן א נדר. האבין מיר מורא טאמער וועט ער זיך אן ריידין מיט זיין ווייב ער זאל איר געבין גט. וועט זיא אפ נעמען איר כתובה פון הקדש. דער נאך וועט ער זיא צוריק

כשיגרשנה ידיר הנאה. רבי יהושע אומר אינו צריך. כיוצא בו אמר רשב"ג. אף הערב לאשה בכתובתה. והיה בעלה מגרשה (ידיר) הנאה. שמא יעשה קנוניא על נכסיו של זה. ויחזיר את אשתו: ב המקדיש נכסיו. והיתה עליו כתובת אשה ובעל ח"ב. אין האשה יכולה לגבות כתובתה מן ההקדש. ולא ב"ח את חובו אלא

על הפטרות ולא על המטלטלין: ידירנה הנאה. על דעת רבים נדר שאין לו הפרה שלא יחזירנה לעולם דשמא בערמה מגרש לה. כדי שתכנס כתובתה מן ההקדש: קנוניא. ערמה: ר' יהושע אומר אינו צריך. לא פליגי ר"א ור' יהושע הכא אם אדם עושה קנוניא על ההקדש אי לא. דבשכיב מרע תרוייהו מודי דבודאי לעולם אינו עושה קנוניא על ההקדש דאין אדם חוטא ולא לו. ובבריא תרוייהו מודו דעושה קנוניא על ההקדש. כי פליגי בהא דר"א סבר אין נשאלין על ההקדש אפילו טועה לו לחכם. לא לדעת כן נדרתי והקדש טעות הוא. אפי' הכי אין חכם מתיר נדרו. דסבר ר"א הקדש בטעות הוי הקדש. ולפי שהמקדיש הזה אינו נוגע הכא שיתירנו לכך עושה קנוניא זו. ור' יהושע סבר נשאלין על ההקדש. וכי אמר לא לדעת כן נדרתי ונטעיתי. מתירין לו דהקדש בטעות לא הוי הקדש. הלכך אין צריך לידור הנאה. דאי משום קנוניא עביד הוא מתשיל על נדריה. ולא היה צריך לגרשה. והלכה כר' יהושע: הערב לאשה בכתובתה. ואין לבעל נכסים. וצריך הערב לפרוע כתובתה. לא יפרע הערב הכתובה עד שידירנה הבעל הנאה. שלא יוכל להחזירה. דחיישינן שמא דעתו להחזירה ולאכול כתובתה לאחר שתגבה מן הערב. ופסק ההלכה בדין הערב בכתובתה מפורש בסוף ב"ב: ב והיתה עליו כתובת אשה. כגון שקדמו גרושין להקדש דעכשיו ליכא קנוניא: אלא הפודה פודה. בעלה פודה אותן מן ההקדש בזול בדבר מועט כדי לפרוע לאשה כתובתה דודאי לא חייל עלייהו הקדש.

---

געמען. אונ זייא וועלין האבין דאס געלט. רבי יהושע זאגט (אינו צריך) מען דארף ניט ער זאל טאהן אנדר. אן אנדר מעג ער איר אויך געבין אונ זיא נעמט דיא כתובה פון הקדש. אונ מיר האבין ניט מורא טאמער איז אפאלט צווישען זייא ווע"ן בהרע"בו (כיוצא בו אמר רבן שמעון בן גמליאל) אזוי אגלייכין האט רבן שמעון בן גמליאל געזאגט (אף הערב לאשה בכתובתה) אויב ראובן האט גינומען אווייב אונ זיא האט ניט געוואלט גלייבין דעם מאן דיא כתובה. איז שמעון געוועזן אערב ואגוט שטייערו אויב ראובן וועט געבין זיין ווייב אונ ער וועט ניט האבין צו בצאהלין דיא כתובה. וועט ער בצאהלין (והיה בעלה מגרשה) אונ דער מאן וויל איר געבין אונ ער האט ניט צוא בצאהלין דיא כתובה. וועט דאך דארפין שמעון בצאהלין דיא כתובה. זאל שמעון אנדערש ניט בצאהלין דיא כתובה ביידין (ידיר הנאה) ראובן וועט טאהן אנדר ער זאל ניט צוריק געמען זיין ווייב. ווארום אז ער וועט ניט טאהן אנדר האבין מיר מורא (שמא יעשה קנוניא על נכסיו של זה ויחזיר את אשתו) טאמער האט זיך ראובן אן גירעט מיט זיין ווייב. ער זאל זיא געבין. וועט זיא געמען איר כתובה פון שמעונס פאר מעגין. דער נאך וועט ער צוריק געמען זיין ווייב. אונ זייא וועלין האבין געלט: ב (המקדיש נכסיו) אויב איינער האט גיהייליגט זיין פאר מעגין (והיתה עליו כתובת אשה) אונ ער האט גיגט זיין ווייב איידער ער האט גיהייליגט זיין פאר מעגין. אונ איצט דארף ער איר בצאהלין דיא כתובה (ובעל חוב) אונ ער איז שולדיג נאך געלט צוא בצאהלין. וואס ער האט גיבארגט (אין האשה יכולה לגבות כתובתה מן ההקדש) די אשה קען ניט אפ נעמען איר כתובה פון הקדש (ולא בעל חוב

שהרי אין שלו וכאי דבר מיעט גזירה שמא יאמרו הקדש יוצא לחולין בלא פדיון: הקדיש צ' והיה חובו מאה. אע"ג דחובו יתר על הקדשו לא אמרינן הא לאו אדעתא דהני נכסי אוזפיה אלא סימוני סימנים הלכך לא גבי מהקדש אלא אמרי' אדעתא דהני נכסי אוזפיה וגבי מנייהו ועד כמה עד פלגא אבל אם הנכסים שהקדיש אין שוין חצי החוב. לא גבי מינייהו. דודאי לאו אדעתא דהני נכסי אוזפיה. דאין אדם עשוי לקנות קרקע ביותר מפי שנים. ממה שהוא שוה:

הפודה פודה על מנת ליתן לאשה כתובתה ולב"ח את חובו. הקדיש תשעים מנה. והיה חובו מאה מנה. מוסיף עוד דינר ופודה בו את הנכסים הללו על מנת ליתן לאשה כתובתה ולבעל חוב את חובו: ג אף ע"פ שאמרו חייבי ערכין ממשכנין אותן. נותנין לו מזון ל' יום. וכסות י"ב חדש. ומטה מוצעת וסנדלין ותפילין לו אבל לא לאשתו ולא לבניו. אם היה אומן נותנין לו שני כלי אומנות מכל מין ומין. חרש נותנין לו שני מעצדי' ושתי מגריות. ר"א אומר אם היה אכר

ג ממשכנין אותן. גזבר נכנס לביתם ונוטל בעל כרחן: מזון וכסות ומטה סנדלין ותפלין. על כן מסדרין לו מעות לקנותן אם אין לו. דכתיב (ויקרא כז) ואם מך הוא מערכך ודרשי רבנן לקרא הכי. ואם מקדישם שישאר הוא שיהיה לו חיים וחיות מערכך מדמי הערך ומשמע הוא יש לו חיים וחיות מדמי הערך. אבל לא לאשתו ולא לבניו מכל מין ומין מכל אומנות שצריכה ד' וה' כלים: מעצדים. דולדור"א בלע"ז שמחליקים בה פני העץ: מגירה. כעין סכין ארוך מלא פגימות ולשון

---

את חובו) אונ דער בעל חוב קען ניט אפ נעמען זיין חוב פון הקדש (אלא הפודה פודה על מנת ליתן לאשה כתובתה ולבעל חוב את חובו) נאר דער וואס וויל אויס לייזן די פעלד פון הקדש. זאל ער זיא אויס לייזן. אונ זאל געבין אקליינקייט צוא הקדש אונ דאס איבעריגע געלט זאל ער בצאהלין די אשה איר כתובה. אונ דעם בעל חוב זיין חוב ועיין בהרע"ב ותי"ט) (הקדיש תשעים מנה) אויב ער האט גיהייליגט אפעלד וואס איז ווערט נייניצג הונדערט גילדין (והיה חובו מאה מנה) אונ זיין חוב וואס ער איז שולדיג גיוועזן איז גיוועזן הונדערט מאהל הונדערט גילדין (מוסיף עוד דינר) זאל דער בעל הבית געבין נאך אגילדין צוא הקדש (ופודה בו את הנכסים הללו) אונ מיט דעם גילדין לייזט ער אויס די פעלד פון הקדש (על מנת ליתן לאשה כתובתה ולבעל חוב את חובו) אויף דעם תנאי ער זאל בצאהלין צוא די אשה איר כתובה אונ צוא דעם בעל חוב זיין חוב:
ג (אף על פי שאמרו חייבי ערכין ממשכנין אותן) אפילו מען האט גיזאגט אז די וואס זענען שולדיג פאר זייער שאצונג אונ בצאהלין ניט. נעמט מען ביי זייא משכנות (נותנין לו מזון שלשים יום) מען מוז אים לאזין ער זאל האבין צוא עסין דרייסיג טעג (וכסות שנים עשר חודש) אונ קליידער מוז מען אים לאזין אויף צוועלף חדשים (ומטה מוצעת) אונ מען מוז אים לאזין אבעט מיט בעטגיוואנט (וסנדלין ותפלין) אונ מען מוז אים לאזין שיך אונ תפלין (לו) נאר פון זיינעט וועגין מוז מען לאזין (אבל לא לאשתו ולא לבניו) אבער פאר זיין ווייב אונ קינדער דארף מען ניט איבער לאזין (אם היה אומן) אויב ער איז גיוועזן אבעל מלאכה (נותנין לו שני כלי אומנות מכל מין ומין) גיט מען אים צווייא כלים צוא די ארבעט פון יעדער סארט כלים (חרש) אויב ער איז אסטאלאר (נותנין לו שני מעצדין) גיט מען אים צווייא הובלעס (ושתי מגרות) אונ צווייא זעגין. רבי אליעזר זאגט (אם היה. אכר נותנין לו את צמדו) אויב ער איז גיוועזן אערד

נותנין לו את צמדו. חמר נותנין לו את חמורו: ד היה (לו) מין אחד מרובה. ומין אחד מועט. אין אומרים לו למכור מן המרובה וליקח לו מן המועט. אלא נותנין לו שני מינין מן המרובה. וכל שיש לו מן המועט. המקדיש את נכסיו. מעלין לו את תפליו: ה אחד המקדיש את נכסיו ואחד המעריך את עצמו אין לו לא בכסות אשתו ולא בכסות בניו ולא בצבע שצבען לשמן ולא בסנדלים חדשים

מקרא משור סיג"א בלע"ז: צמדו. למד בקר שאלו הן כלי אומנתו. ואין הלכה כר"א דלמד בקר וחמור נכסים נינהו ולא חשיבי כלי אומנו': ד מין אחד מרובה ומין אחד מועט. ג' מעצדים ומגר אחד: נותנים לו שנים מן המרובה. והג' נוטל הגזבר: וכל שיש לו מן המועט. מניחים לו. ולא זבנינן ליה אחריתי. דכי היכי דעד השתא הגי ליה בהכי כהשתא נמי תסגי ליה דמהו דתימא עד השתא הוו אינשי מושלי לי' משום דה"ל מין אחד מרובה לאישולי לאחריני השתא שהגזבר לקח המרובה. לא משכח מאן דמושיל ליה. הלכך זבנין ליה אחריתי קמ"ל: ה אין לו בכסות אשתו ובניו. שאין אלו נכסים שלו: שצבען לשמן. לשם אשתו ובניו: ולא בסנדלים חדשים. רבות' אשמועי' דאף על גב דעדיין לא נעלו אותן הרי

ארבעטער. זאל מען אים לאזין דעם האקער מיט צווייא אקסין (חמר נותנין לו את חמורו) אויב ער איז געוועזין אפורמאן. זאל מען אים לאזין דעם אייזיל (מיט דיא פורו: ד (היה לו מין אחד מרובה ומין אחד מועט) אויב ער איז גיוועזן אסטאלאר אונ ער האט גיהאט דרייא הובלעס אונ איין זעג (אין אומרים לו למכור מן המרובה וליקח לו מן המועט) זאגט מען ניט צום סטאלאר ער זאל פאר קויפין איין כלי פון דיא וואס ער האט פיל (ער זאל פאר קויפין איין הובעל) אונ ער זאל פאר דיא געלט קויפין אזוי אכלי וואס ער האט ווייניג וואך אזעג׳ ווערט ער האבין צווייא הובלעס אונ צווייא זעגין ווייא עס שטייט אין משנה ג) (אלא נותנין לו שני מינין מן המרובה) נאר דער גבאי גיט אים צווייא כלים פון דיא וואס ער האט פיל (ער לאזט אים צווייא הובעלס) אונ דיא איבעריגע הובעלס נעמט ער צו זיך (וכל שיש לו מן המועט) אונ דיא אלע כלים וואס ער האט ווייניג. וואס ער האט נאר איינע פון יעדער מין. דארף מען אים אויך לאזין (המקדיש את נכסיו) אויב איינער האט גיזאגט מיין פארמעגין זאל זיין הייליג (מעלין לו את תפליו) שאצט מען זיינע תפלין וויא פיל זייא זענען ווערט אונ ער באצאלט געלט אונ לייזט זייא אויס פון הקדש. ווארום זיינע תפלין זענען אויך הייליג גיווארין (ועיין תי"ט) : ה (אחד המקדיש את נכסיו) סייא איינער זאגט מיין פאר מעגין זאל זיין הייליג (ואחד המעריך את עצמו) אונ סייא ער זאגט איך זאל געבין מיין שאצונג. אז דער גבאי פון הקדש קומט נעמען דאס פאר מעגין. אדער ער וויל נעמען אמשכון פאר דעם שאצונג (אין לו לא בכסות אשתו ולא בכסות בניו) טאר ער ניט נעמען די קליידר פון זיין ווייב אונ ניט די קליידר פון זיינע קינדר (ולא בצבע שצבען לשמן) אונ ער טאר ניט נעמען די גיפארבטע קליידר וואס מען האט זיי גיפארבט פאר זיין ווייב אונ קינדער. אפיילו דיא קליידער זענען נאך גאר נייא. דיא ווייב אונ קינדער האבין נאך ניט אן גיטאהן דיא קליידער. טאר מען זייא אויך ניט נעמען (ולא בסנדלים חדשים שלקחן לשמן) אונ ער טאר ניט נעמען דיא נייע שיך וואס מען האט גיקויפט פאר זיי

בחזקתן משעה לקיחה: אע"פ שאמרו עבדים נמכרים בכסותן לשבח. כסות יפה שלהן משבחה ומעלה את דמיהן כגון גבי נכסי יתומים. שאם תלקח לעבד כסות בשלשים דינר הוא משביח מנה על דמיו שהוא עליו: לאטלים. ליום השוק: לכרך. שדרך סוחרים לבוא שם וקונים המרגליות ביוקר: אין להקדש אלא במקומו. במרגלית: ושעתו. בעבד דכתיב (ויקרא כז) ונתן את הערך ביום ההוא שלא ישהה: רוד"ש לה'. משמע כל דבר שהוא קדש לה' כגון כתם הקדשות שהן לבדק הבית. כולן יהו נותנים ביום ההוא מיד שלא ישהה אותן. וטעמא כ' הרמב"ם דזימנין דאתי לאשהוייהו כדי להשביח ואתו לידי פשיעה. ומה"ט נמי אין משתכרים בשל הקדש:

חדשים שלקחו לשמו. אע"פ שאמרו עבדים נמכרים בכסותן לשבח. שאם תלקח לו כסות בשלשים דינר. משביח הוא מנה. וכן פרה אם ממתינים אותה לאטלים. משבחת היא. וכן מרגלית אם מעלין אותה לכרך. משבחת היא. אין להקדש אלא מקומו ושעתו:

פרק ז **אין** מקדישין לפני היובל פחות משתי שנים.

פרק ז **אין** מקדישין. שדה אחוזה: פחות משתי שנים. דכתיב במקדיש שדה אחוזה (ויקרא כז) ע"פ השנים הנותרות ואין שנים פחות משתי'. המקדיש שדה אחוזה בשנה ראשונה של יובל ובא לגאלה נותן בבית כור ל' סלע כדכתיב (שם) זרע חומר שעורי' וגו'. ואם הקדישה י' שנים או עשרים אחר היובל מחשבים השנים הנותרות עד יובל הבא ונותן סלע ופונדיון לכל שנה. כדכתיב (שם) ואם אחר היובל יקדיש את שדהו וחשב לו וגו'. ונגרע מערכך והיינו גירוע שאינו נותן חמשים שלימים והמקדיש שתי שנים לפני היובל פודה

---

זייב און רינדער. אלטע שיך טאר ער געוויס ניט געמען (אף על פי שאמרו עבדים נמכרים בכסותן לשבח) אפילו מען האט געזאגט אז קנעכט ווערן פאר קויפט אין שיינע קליידער. ווערן זייא פאר בעסערט. צאלט מען פאר זייא טייערער. ווייל זייא זעהן אויס שענער (שאם תלקח לו כסות בשלשים דינר) אויב דוא וועסט קויפן אקלייד פאר דרייסיג גילדין און וועסט אן טוהן דעם קנעכט (משביח הוא מנה) וועט דער קנעכט פאר בעסערט ווערן טייערער ווערן מיט הונדערט גילדין מער ווי ער איז איצט ווערט. ווייל ער וועט שענער אויס זעהן (וכן פרה אם ממתינין אותה לאטלים) און אזוי אויך א קוה אויב מען האלט איר ביז צום מארק (משבחת היא) ווערט זיא פאר בעסערט ודאס מיינט מען טייערער) (וכן מרגלית אם מעלין אותה לכרך) אזוי אויך א פערל אויב מען ברענגט איר אין א גרויסע שטאט (משבחת היא) ווערט זיא פאר בעסערט ודאס מיינט מען טייערער). פון דעסטוועגן (אין להקדש אלא מקומו ושעתו) בייא הקדש ווארט מען ניט. מען לייזט נאר אוס דעם פערל פאר וויא פיל ער איז ווערט אויף דעם ארט וואו ער איז. און מען לייזט אויס א בהמה פאר וויא פיל זיא איז ווערט שוין היינט. און מען לייזט אויס דעם קנעכט פאר וויא פיל ער איז ווערט אזוי וויא ער גייט איצט גקליידט:

דער דין איז אז איינער הייליגט א גירושה פעלד און ער וויל איר צוריק אויס לייזן פון הקדש. רעכנט מען וויא פיל יאהר עס איז צו יובל. גיט ער פאר יעדער יאהר איין טאלער מיט איין פונדיון. אבער אז עס איז דא צו יובל ווייניגער ווי צוויי יאהר. מוז ער געבן גאנצע פופציג טאלער. זאגט דיא משנה:

פרק ז א (אין מקדישין לפני היובל פחות משתי שנים) אויב איינער האט א פעלד וואס ער

משתי שנים. ולא גואלין לאחר היובל פחות משנה. אין מחשבין חדשים להקדש אבל ההקדש מחשב חדשים:

אוחז בשתי סלעים ושתי פונדיונות כדכתיב ע"פ השנים הנותרות והך חשבון עולה של גאולת שדה אחוזה לכל שנה סלע ופונדיון שהרי אם הקדישה בשנה ראשונה של אחר היובל היה פודה בחמשים שקל לא מהן למ"ט שנים הבאים עד יובל הבא. מ"ט סלעים ומלא סלע לכל שנה וסלע יותר וזה הסלע היותר חלקהו לפונדיונים. שיש בכל סלע מ"ח פונדיונין הרי סלע ופונדיון לשנה פחות פונדיון. ומה שהצריכו ליתן סלע ופונדיון לשנה למ"ט שנים מ"ט סלעים ומ"ט פונדיונין. ויש כאן פונדיון א' יתר על נ' שקל שאמרה תורה. אותו הפונדיון הוא קלבון לפרוטרוט. כלומר בשביל ההכרע שצריך ליתן לכל שקל ושקל בפני עצמו. א"כ אע"פ שהסלע אינו אלא מ"ח פונדיונות חייב ליתן מ"ט דהיינו סלע ופונדיון למ"ט שנה. כפי שהנותן פונדיונים ליקח סלע מן השלחני. נותן מ"ט פונדיונים. והיינו קלבון לפרוטרוט. והמקדיש שדה אחוזה פחות משתי שנים לפני היובל. אין כאן גירוע ואם בא לגאלה נותן נ' שלימים דגבי גירוע כתיב ע"פ השנים הנותרות ונגרע ומיעוט שנים ב'. ועלה עובר קמ"ל מתני' שיפה אדם כח על נכסיו ולא [יפדה] פחות משתי שנים שלא יפסיד מ"ה סלעים: ולא גואלין אחר היובל. לאו אחר היובל סמוך ליובל קאמר אלא האי אחר אפי' אחר כ' או ל' שנה קאי וה"ק הכא לגאול באמצע היובל וליתן סלע ופונדיון לשנים הבאים והיה עומד בשנה באמצע שנה. לא יאמר חצי סלע וחצי פונדיון אני נותן משנה זו אלא נותן סלע ופונדיון שלם. והיינו דקאמר אין גואלין פחות משנה דכמה דלא נפקא לה כולה שתא לא מגרעא לה כלל. ולא יהיב גאולת חצי שנה אלא גאולת שנה שלימה. ומה טעם לפי שאין מחשבין חדשים עם ההקדש הבא לגאול שדהו ה' שנים וחצי לפני היובל אין מחשבין אותן ו' חדשים שאלו משנה ששית. אלא נותן ו' סלעים וששה פונדיונים דכתיב (שם) וחשב לו הכהן את הכסף. ע"פ השנים הנותרות. שנים אתה מחשב ואי אתה מחשב חדשים כלומר כל מה שנותר תחשוב שנים לעשות חדש הנותר שנה ואי אתה מחשב החדשים שאלו לגרוע מן השקל ופונדיון בשבילם: אבל ההקדש מחשב חדשים. כלומר אם ריוח של הקדש הוא שנחשוב אותה יציאת חצי שנה שיצאה כגון דאקדשה בפלגא דמ"ח ליובל דהא השתא להוה יציאה ה"נ פחות מב' שנים לפני היובל ולא מפרקא בגירוע אלא בחמשים. ואי אמרי דאין מחשבין אותן חדשים שיצאו הוה הכא ב' שנים לפני היובל. ואיכא פסידא דהקדש דלא שקיל אלא שני סלעים ושני פונדיונים. הכא ודאי מחשבין אותן כיציאה גמורה ואין כאן שתי שנים לפני היובל. ולא מיפרק' בגירוע אלא בנ' שקל

המקדיש

ער האט איר גירשת. זאל ער איר ניט הייליגען אויב עס איז ווייניגער וויא צוויא יאהר צו יובל. ווייל דאמער וועט ער וועלין זיא אויס לייזין פון הקדש פאר יובל. וועט ער מוזין געבין גאנצע פופציג טאלער אויס לייז געלט. לערנט אונז דיא משנה אעצה (ולא גואלין לאחר היובל פחות משנה) מען לייזט ניט אויס נאך יובל ווייניגער וויא א יאהר. למשל אויב ביז יובל איז נאך פינף אונ אהאלב יאהר. אדער אפילו נאר פינף יאהר מיט איין חודש. מוז מען צאהלין פאר גאנצע זעקס יאהר. וויארום (אין מחשבין חדשים להקדש) מען רעכענט ניט חדשים צו הקדש נאר יאהרין. אפילו עס בלייבט נאר איין חודש פון א יאהר ווערט ער גירעכענט פאר אגאנצין יאהר (אבל ההקדש מחשב חדשים) אבער הקדש רעכענט חדשים. למשל אויב עס איז נאך צו יובל א יאהר מיט זעקס חדשים. אונ מען קומט אויס לייזין דיא פעלד. אויב מען וועט רעכענען דיא זעקס חדשים פאר א יאהר וויא פריערו איז דאך נאך דא צוויא

דכתיב וחשב לו הכהן מ"מ: בשעת היובל. בזמן שהיובל נוהג אבל בזמן שאין היובל נוהג פודה אותה בשויה כשאר הקדשות: זרע חומר שעורים מקום שיכולים לזרוע בו כור שעורים כשזורעים במפולת יד ובזריעה בינונית לא שיהיה הזרע מקורב ביותר. ולא מפוזר ומפורד הרבה: נקעים עמוקים וכו׳. וסוא שיהיו מלאים מים שאין ראוין לזריעה. אבל אם אינן מלאים מים הואיל וחזו למידי אע"ג דאין נמדדין עמה מתחשבין בהדי נפשייהו. ונפדין לפי חשבון נ׳ סלעים לבית כור: פחות מכאן נמדדין עמה. ואע"פ שהן מלאים מים ולא חזו לזריעה הואיל ואין עמוקים עשרה. וכן סלעים הואיל ואין גבוהים עשרה ע"ם הקרקע הן נקראין ואינן חשובים בפני עצמן: אלא נותן את כ"ו כאחד. דכתיב (ויקרא כז) וחשב לו הכהן את הכסף. עד שיהא כולו כסף כאחד: ואחד

המקדיש את שדהו בשעת היובל נותן בזרע חומר שעורים חמשים שקל כסף. היה שם נקעים עמוקים עשרה טפחים. או סלעים גבוהים עשרה טפחים. אין נמדדים עמה. פחות מכאן נמדדים עמה. הקדישה שתים או שלש שנים לפני היובל נותן סלע ופונדיון לשנה. אם אמר הריני נותן דבר שנה בשנה. אין שומעין לו. אלא נותן את כולו כאחד:

---

יאהר צו יובל. וועט מען נאר דארפן געבן אוים לייז געלט צוויא טאלער מיט צוויא פונדיונין. אבער אז מען וועט ניט רעכענען דיא זעקס חדשים פאר איאהר נאר פאר חדשים וויא זייא זענען איז דאך שוין ניטא קיין צוויא יאהר צו יובל.

מוז מען געבן גאנצע פופציג טאלער (המקדיש את שדהו בשעת היובל) אויב איינער הייליגט זיין פעלד אין דיא צייט ווען יודין היטען דידינים פון יובל. אונ ער האט זיא געהייליגט אין איאהר נאך יובל (ועתי"ט) (נותן בזרע חומר שעורים חמשים שקל כסף) אויב דיא פעלד איז אזוי גרוים אז מען קען אין איר פאר זייען דרייסיג סאה געראשטין. דארף מען געבן אוים לייז געלט (אז מען וויל זיא אוים לייזין פופציג טאלער (היה שם נקעים עמוקים עשרה טפחים) אויב אין דיא פעלד איז געוועזן גריבער מיט וואסער טיף צעהן טפחים (או סלעים גבוהים עשרה טפחים) אדער שטיינער וואס זענען הויך צעהן טפחים (אין נמדדים עמה) ווערין זייא ניט גימאסטין מיט דיא פעלד. מען מעסט נאר דיא ערד וואס מען קען אויף איר זייען. אויב עס איז דא ערד וואס מען קען אויף איר זייען דרייסיג סאה (אויסער דיא גריבער אונ דיא שטיינער). דארף מען געבן פופציג טאלער אוים לייז געלט (ועתי"ט) (פחות מכאן נמדדים עמה) אויב די גריבער זענען ניט טיף צעהן טפחים. אונ דיא שטיינער זענען ניט הויך צעהן טפחים. ווערין זייא גימאסטין צו זאמען מיט דיא פעלד. גלייך וויא דא וואלט קיין גרוב ניט גיוועזן. אונ קיין שטיין וואלט ניט גילעגין. נאר מען וואלט אויף דיא ערטער אויך גיקענט פאר זייען (הקדישה ב׳ או ג׳ שנים לפני היובל) אויב ער האט גיהייליגט דיא פעלד צוויא אדער דרייא יאהר פאר יובל. אז ער וויל זיא אוים לייזין (נותן סלע ופונדיון לשנה) זאל ער געבן אטאלער מיט אפונדיון פאר יעדער יאהר (אם אמר הריני נותן דבר שנה בשנה) אויב ער זאגט איך וועל געבן יעדער יאהר אטאלער מיט אפונדיון (אין שומעין לו) הערט מען אים ניט (אלא נותן את כולו כאחד) נאר ער מוז געבן אין גאנצין מיט איין מאהל. וויא פיל יאהר עס איז נאך דא ביז יובל. מוז ער מיט איין מאל

ב ואחד כל הא״ם. בית כור במאפים שקל בין שהוא שוה אלף שקלים. בין שאינו שוה אלא [חמש שקלים]: שהבעלים נותנין חומש. כדכתיב (שם) ואם גאל יגאל את השדה המקדיש אותו וגו׳:
ג אינה יוצאה מידו ביובל. להיות מתחלקת לכהנים. כי היכי דאי הוה פריק לה אינש אחרינא דהוה נפקא ביובל ומתחלקת לכהנים כדכ׳(שם) והיה השדה בצאתו ביובל קדש לה׳: גאלה בנו יוצאה לאביו ביובל. ולא לכהנים. דכתיב (שם) ואם מכר את השדה לאיש אחר לא יגאל עוד. לאיש אחר. ולא לבן. גאלה אחד מקרוביו של מקדיש מיד הגזבר ובא המקדיש וגאלה מיד קרובו אינה יוצאה מיד המקדיש ביובל להתחלק לכהנים: גאלה כהן. מיד גזבר לא יאמר הואיל ואם גאלה ישראל יוצאה לי ולאחרי ביובל. עכשיו שהיא תחת ידי שגאלתיה אין לך כהן והרי היא תחת ידי. הרי היא שלי. אלא יוצאה לכל אחיו הכהנים:

**ב אחד הבעלים ואחד כל האדם. מה בין הבעלים לבין כל האדם. אלא שהבעלים נותנים חומש. וכל אדם אינו נותן חומש: ג הקדישה וגאלה אינה יוצאה מידו ביובל. גאלה בנו יוצאה לאביו ביובל. גאלה אחר. או אחד מן הקרובים. וגאלה מידו. אינה יוצאה מידו ביובל. גאלה אחד מן הכהנים. והרי היא תחת ידו לא יאמר הואיל והיא יוצאה לכהנים ביובל.**

אין גאנצין בצאהלין ביז יובל: ב (אחד הבעלים ואחד כל אדם) ווער עס וויל קען אויס לייזן דיא פעלד. סיי דער בעל הבית און סיי אפרעמדער (מה בין הבעלים לבין כל האדם) נאר וואס איז דער חילוק (דער אונטער שייד) אויב דער בעל הבית לייזט אויס. אדער אפרעמדער לייזט אויס (אלא שהבעלים נותנים חומש) נאר אויב דער בעל הבית לייזט אויס. דארף ער געבין מיט אפינפטיל מער (וכל אדם אינו נותן חומש) און אלע אנדערע מענטשין ווער עס לייזט אויס אפרעמדע פעלד ניט זיין אייגענע דארף ער ניט געבין אפינפטיל מעהר. נאר אזוי וויא עס שטייט אין דיא תורה. אפעלד וואס מען קען אין איר פאר זייען דרייסיג סאה. דארף מען געבין פאר יעדער יאהר ביז יובל אטאלער מיט אפונדיון: ג (הקדישה וגאלה אינה יוצאה מידו ביובל) אויב ראובן האט געהייליגט זיין פעלד. און ער האט איר צוריק אויס גילייזט גייט זיא ניט ארויס פון אים אום יובל. נאר דיא פעלד בלייבט ביא ראובן אויף אייביג (גאלה בנו) אויב דער זוהן פון ראובן האט אויס גילייזט דיא פעלד (יוצאה לאביו ביובל) אז עס קומט יובל מוז דער זוהן צוריק געבין דיא פעלד צום פאטער אן געלט (גאלה אחר או אחד מן הקרובים) אויב אפרעמדער האט אויס גילייזט דיא פעלד פון הקדש. אדער אפריינד פון ראובן האט אויס גילייזט דיא פעלד פון הקדש (וגאלה מידו) און ראובן האט אויס גילייזט דיא פעלד פון דעם פרעמדין. אדער פון זיין פריינד (אינה יוצאה מידו ביובל) גייט ניט ארויס דיא פעלד פון אים אום יובל. נאר דיא פעלד בלייבט ביא ראובן אויף אייביג (גאלה אחד מן הכהנים) אויב איינער פון דיא כהנים האט אויס גילייזט דיא פעלד (והרי היא תחת ידו) און דיא פעלד איז נאך ביא דעם כהן. אז עס קומט יובל (לא יאמר הואיל והיא יוצאה לכהנים ביובל) קען ניט דער כהן זאגין. ווייל דיא פעלד דארף סיי וויא געהערין צוא דיא כהנים אום יובל (והרי היא תחת ידי) און דיא פעלד איז שוין ביא מיר. און איך בין אויך הכהן (הרי היא שלי) זאל שוין דיא פעלד בלייבין ביא מיר. איז ניט אזוי דער דין (אלא יוצאה ומתחת ידו ומתחלקת) לכל אחיו הכהנים) נאר דער כהן מוז ארויס געבין דיא פעלד פון

דלוי לה יותר ממני : ד ולא נגאלה . לא יגאלוה מיד ההקדש . לא הבעלים ולא אחר : הכהנים נכנסים לה . הכהנים של משמר שהיובל פוגע בו הן נכנסים לתוכה . והיא חלוקה בידם ונותנים את דמיה . למקדש דגמר קדש קדש ממקדי׳ בית כתי׳ הכא בשדה אחוזה בצאתו ביובל קדש . וכתיב במקדיש בית . (שם) ואיש כי יקדיש את ביתו קדש . מה בית לא תצא מיד הקדש בלא דמים כדכתיב התם והעריכו הכהן . דבית לא נפקא לכהנים אלא נפדה בדמים . אף שדה אחוזה לא תצא מיד הקדש בלא דמים הלכך כי פריק לה אחר . הוו דמים לבדק הבית הקדש . וכי מטי יובל נפקא בחנם לכהנים . ואם לא נגאלה . יהבי כהנים דמי נ׳ שקלים ושקלי ליה : רש״א נכנסין אבל לא נותנין . דגמר קדש קדש

**ד** הגיע היובל ולא נגאלה. הכהנים נכנסים לתוכה ונותנים את דמיה. דברי רבי יהודה. רבי שמעון אומר נכנסין אבל לא נותנין. ר״א אומר לא נכנסין ולא נותנין. אלא נקראת שדה רטושים עד היובל השני. הגיע היובל השני ולא נגאלה. נקראת רטושי רטושין עד היובל השלישי. לעולם אין הכהנים נכנסים לתוכה

מכבשי עצרת . דכתיב בהו (ויקרא כג) קדש יהיו לה׳ לכהן מה התם בחנם אף כאן בחנם וניחא ליה דנילף שדה אחוזה מכבשי עצרת דהרווייהו מכ״ד מתנות כהונה ולא נילף ממקדיש ביתו דלאו ניתן לכהנים לעולם . ור״י ניחא ליה דנילף שדה אחוזה ממקדיש ביתו . דהרווייהו קדשי בדק הבית ולא נילף מכבשי עצרת שהם קדשי מזבח . והלכה כר״י : שדה רטושין . שדה עזובה כמו אם על בנים רטשה : עד שיגאלנה אחר . וכשהגיע מידו ביובל יכנסו בה הכהנים . וטעמא דר״א דכתיב והיה השדה בצאתו ביובל קדש . משמע כשהגיע מיד הגואל כדין שאר אדם הקונה קרקע שיוצאה ביובל בההיא קאמר קרא דתהוי לכהנים אבל בצאתו מיד הקדש לא משמע . דאכתי לא אשמועינן קרא דהקדש פקע מנכחו

---

זיין האנט . אונ מען צוא טיילט דיא פעלד צוא אלע כהנים : ד (הגיע היובל ולא נגאלה) אויב עס איז געקומען יובל אונ דיא פעלד איז ניט אויס געלייזט געווארין פון הקדש . (הכהנים נכנסים לתוכה ונותנים את דמיה) דיא כהנים וואס טוהען דיא עבודה אין בית המקדש דיא וואך וואס אין איר ווערט דער פופציגסטער יאהר (יובל) גייען אריין אין דיא פעלד אונ נעמען זיא אויף אייביג . נאר זיא דארפין בצאהלין פאר דיא פעלד . אויב זיא איז גרויס מען זאל אין איר קענען פאר זייען דרייסיג סאה גערשטין דארפין דיא כהנים געבין פופציג טאלער צום בית המקדש (דברי רבי יהודה) אזוי זאגט רבי יהודה . רבי שמעון זאגט (נכנסין אבל לא נותנין) דיא כהנים גייען אריין אין די פעלד אונ נעמען איר אויף אייביג . אונ זיא דארפין ניט געבין קיין געלט . רבי אליעזר זאגט (לא נכנסין ולא נותנין) ניט דיא כהנים נעמען דיא פעלד . אונ ניט זיא געבין געלט (אלא נקראת שדה רטושים עד היובל השני) נאר מען רופט דיא פעלד . אפאר לאזענע פעלד . אונ מען ווארט ביז צום אנדערין יובל . (הגיע היובל השני ולא נגאלה) אויב עס איז שוין געקומען דער צווייטער יובל . אונ דיא פעלד איז נאך ניט אויס געלייזט געווארין (נקראת רטושי רטושין עד היובל השלישי) ווערט דיא פעלד גירופין דיא פאר לאזענע פעלד איז פאר לאזין געווארין״ . אונ מען ווארט ביז צום דריטען יובל (לעולם אין הכהנים נכנסים לתוכה עד שיגאלנה אחר) דיא כהנים טארין קיין מאהל ניט אריין גיין אין דיא פעלד . ביז איינער וועט איר אויס לייזן פון הקדש . אונ ער וועט איר האלטין ביז יובל . אז דיא פעלד ווערט פון אים ארויס גייען אום

ביובל: ה הלוקח שדה מאביו מת אביו ואח"כ הקדישה הרי היא כשדה אחוזה. דסברי עד שלא הקדישה נפלה לו בירושה. הלכך אם בא לפדותה. פודה בית כור בנ' שקל כסדר האמור.

ואם לא גאלה הוא ונגאלה אחר חוזרת לו ביובל. דסברי בשעה שהקדישה לא היה גופה שלו דעתידה היתה לחזור לאביו ביובל. כדין שאר מכירות וכשאר מקדיש שדה מקנה הוא שהגואל'

ואם לא גאלה הוא ונגאלה אחר יוצאה לכהנים ביובל: הרי היא כשדה מקנה. דבשעה שהקדישה אזלינן ואם בא לפדות' פודה שדה בשוויה כדין שדה מקנה.

עד שיגאלנה אחר: **ה** הלוקח שדה מאביו. מת אביו ואח"כ הקדישה הרי היא כשדה אחוזה. הקדישה ואח"כ מת אביו. הרי היא כשדה מקנה דברי ר"מ. ור"י ור"ש אומרים. כשדה אחוזה שנאמר (ויקרא כז) ואם את שדה מקנתו אשר לא משדה אחוזתו שדה שאינה ראויה להיות שדה אחוזה יצאת זו שהיא ראויה להיות שדה אחוזה. שדה מקנה אינה יוצאה לכהנים

מיד הגזבר מחזירה ביובל לאשר לו אחוזת הארץ. דהיינו לאביו של זה. והוא יורש את כח אביו. ואין הלכה כר"מ: שדה מקנה. שהקדישה וגאלה אחר אינה יוצאה לכהנים

